בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא**

279

תשפ"ג

היכל הקודש

דער קונטרס איז לזכות העניא בת ראכיל לרפואה שלימה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וְוִי אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ צַייט אוּן גֶעדוּלְד צוּ זָאגְן תְּהִלִּים?.........................................א

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁלָאגְט?.................................................ב

אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר?..................ד

עֶנְדֶערְשׁ שֶׁערְן דִי הָאר, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ אַ קוּרְצֶערֶע שֵׁייטְל?..........................ה

זָאל אִיךְ הֵייסְן מַיין מַאן גֶעבְּן מַעֲשֵׂר?.....................................................ז

מֶעג מֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיינַאכְט?...................................................ח

קֶען מֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה אָנְהַאלְטְן דִי עֶרְלִיכְקֵייט פוּן אַלְס מֵיידְל?...................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ טַעֲנָה'נֶען מִיט דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל........................................א

גְרֵייט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה .................................ב

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה פַאר דִי אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב וָואס דוּ הָאסְט ....................ב

גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, אָדֶער טוּסְטוּ עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה אָדֶער זִיץ אוּן לֶערְן ..............ג

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה .....................................ד

פַאְרְצֵייכֶענֶען אִינֶעם תְּהִלִּים דִי סִיּוּמִים........................................................ה

יֶעצְט בִּיסְטוּ יוּנְג, קֶענְסְטוּ נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן וָואס מֵיינְט עֶלְטֶערְן ........................ה

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי יוּנְגְוַוארְג אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט ...........................ז

אִיךְ ווִיל זַיין חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.................ז

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אוֹיפְפִירוּנְג .....................................................ח

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים........................................ט

נִישְׁט וֶוערְן גֶעפַּייניגְט פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פַּאמִילְיֶע מִיטְגְלִידֶער.......................ט
אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ שֶׁעצְט דַיין וַוייבְּ'ס צְנִיעוּת.......................יא
וִוי מֶער מֶען בֶּעט, אַלְץ מֶער נַחַת זֶעט מֶען.......................יב
אַז מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, הָאט מֶען הַצְלָחָה.......................יב
זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת.......................יג
גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.......................יד
זִיךְ הַאלְטְן פְּרִישׁ, נִישְׁט אַלְט וֶוערְן.......................טז
אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָצָה, וֶועסְטוּ שְׁנֶעל אַ חָתָן וֶוערְן.......................יט
צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, מוּז מֶען רֶעדְן אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.......................יט
עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט מִיט דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר.......................כ
סֵיי וואוּ אִיר וֶועט נָאר וואוֹינֶען, וֶועט אִיר דַארְפְן הָאבְּן חִיזוּק.......................כא
אַ נֵייעֶ סָארְט לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס.......................כב
שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע נְפִילוֹת.......................כג
מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אֵיידְל אִין שְׁטוּבּ.......................כד
דֶער רֶבִּי גֶעבְּט גוּטֶע עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת פַאר קִינְדֶער.......................כד
דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ גַבַּאי אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.......................כה
אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי גְרוֹיסְן פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ.......................כו
אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל פוּן דִי הַתְמָדָה אוּן כִּשְׁרוֹנוֹת פוּן דַיין זוּן.......................כז
אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַאלְטְן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט.......................כח
מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְפְן קַיין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק אוֹיף דִי קִינְדֶער.......................כח
אַ שְׁוֶוערֶע אָבֶּער גֶעשְׁמַאקֶע טָאג.......................כט
דוּ גֵיי דַיין וֶועג, עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טַעְנָה'ן מִיט אַנְדֶערֶע.......................ל
מַזָל טוֹב פַאר דַיין צְוֵוייטֶע סִיּוּם הַשַּׁ"ס.......................לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ צַייט און גֶעדוּלְד צוּ זָאגְן תְּהִלִּים?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בֵּית פֵּיגָא סְקוּל וואוּ אִיךְ לֶערְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַבִּיסְל חִיזּוּק אוֹיף זָאגְן תְּהִלִּים. ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט הָאבּ אִיךְ אַ גְרוֹיסֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ דַארְף אַסַאךְ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים, און עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ זָאל הָאבְן אַן עֶקְסְטֶערֶע רֶגַע אִין טָאג וֶוען אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּזֶעצְן זָאגְן תְּהִלִּים, נָאר שַׁבָּת.

שַׁבָּת אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צַייט וֶוען אִיךְ קֶען זָאגְן תְּהִלִּים, אָבֶּער אֲפִילוּ דֶעמָאלְט וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא אַבִּיסְל צַייט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דֶערְצוּ, ווַייל אִיךְ ווִיל אַבִּיסְל סְתָם הַנָאָה הָאבְן און שְׁפִּילְן עֶפֶּעס אָדֶער לֵיינֶען עֶפֶּעס.

אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז אַייךְ און ווָאוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הֶעלְפְּט אַייעֶר מַאמֶע תְּחִיֶ', דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה.**

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) אַז דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, עֶס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת, נָאךְ זָאגְן אוּנְז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידוּשִׁין ל:): "בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ זֶענְט אִיר מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט מִיךְ מְכַבֵּד.

אוֹי גֶעוַואלְד, וִויפִיל קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וִויפִיל קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן מִיט פְרֶענְדְס, מֶען לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב מִיט חַבֶרְ'טֶעס, מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי מַאמֶע מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט. דִי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע מַאמֶע דַארְף אַלֶעס טוּן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וָואס אִיז דָאס אַ "מַאמֶע", וָואס אִיז דָאס "לֶעבְּן", מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי מַאמֶע, שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען וֶוערְט אַלֵיינְס אַ מַאמֶע אוּן מֶען קֶען קוֹים אָטֶעמֶען - דֶעמָאלְט כַאפְּט מֶען זִיךְ, מֶען הָאט חֲרָטָה.

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הֶעלְפְט אִין שְׁטוּב. פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אוּן שַׁבָּת זָאלְט אִיר זָאגְן פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ. אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן שְׁפִּילְן גֶעיִמְס אוּן זָאגְן לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן אַלְץ זָאל דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם שְׁטֵיין הֶעכֶער אַלֶעס.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁלָאגְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין פִיר יֶערִיג אִינְגְל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁלָאגְן אוּן טֵיילְן מַכּוֹת פַאר יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט אִים אִין וֶועג, מַמָּשׁ יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט קְלֶעפּ פוּן אִים מִיט אַ שִׁירֶעם; וָואס טוּט מֶען?

וֶוען אִיךְ שְׁלָאג אִים הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, אוּן שְׁרֵייעָן אוֹיף אִים הֶעלְפְט זִיכֶער נִישְׁט, אָבֶּער דֶער מַצָּב אִיז שׁוֹין נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן. אִיךְ קֶען אִים שְׁלָאגְן גָאר שְׁטַארְק אוֹיף אַ וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן אַ קִינְד, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס בַּיי מִיר

אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט? יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעוָואלְט צוּבִּינְדְן דִי הֶענְט אוּן פִּיס אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט וֵוי טוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶעהַאלְטְן; וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער יָא טוּן?

עֶר וֶוערְט צֶעווִילְדֶעוֶועט מַמָּשׁ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים; וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט, שְׁרֵייעֶן הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טוּט נָאר פַאר חִינוּךְ נֶערְוֶועזֶערְהֵייט - הֶעלְפְט נִישְׁט.

חִינוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, טו): "שֵׁבֶט וְתוֹכַחַת", דֶער שְׁטֶעקְן אוּן דִי שְׁטְרָאף רֵייד, "יִתֵּן חָכְמָה", גֶעבְּט חָכְמָה פַארְ׳ן קִינְד; אַז מֶען לֶערְנְט אַ קִינְד וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶוערְט עֶר קְלוּג. נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין אִיז זֵייעֶר גְרִינְג בַּיים אָנְהוֹיבּ, אָבֶּער בַּיים סוֹף קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם): "וְנַעַר מְשֻׁלָּח", אוּן דֶער קִינְד וָואס אִיז פַארְשִׁיקְט, דָאס הֵייסְט מֶען לָאזְט אִים גֵיין אוּן קוּמֶען, טוּן וָואס עֶר וִויל - "מֵבִישׁ אִמּוֹ", פַארְשֶׁעמְט זַיין מַאמֶע.

חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", אַ קִינְד אִיז צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵיי. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן צְוֵויי יָאר אַלְט - צוּ פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, נִישְׁט דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן. וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס? דוּרְךְ זָאגְן אֵיין מָאל אוּן צְוֵויי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל אוּן הוּנְדֶערְט מָאל אוּן טוֹיזְנְט

מָאל: "מֶען דַארְף פָּאלְגְן אַ טַאטֶע", "מֶען דַארְף פָּאלְגְן אַ מַאמֶע" - בִּיז דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן אַז מֶען דַארְף פָּאלְגְן.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֶלְטֶערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם", עֶס אִיז גֶעזוּנְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי, "לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם" נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צִי שְׁטַארְק צוּ זֵיי, "לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם", זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, "רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי; וַוייל וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ צִי סַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער - מֵיינֶען דִי קִינְדֶער אַז טַאטֶע אִיז אַ חָבֵר, רֶעדְן זֵיי צוּם טַאטְן וִוי צוּ אַ חָבֵר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן הֶערְן אַ שִׁיעוּר אוּן אֵיינֶע פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן רוּפְן אַרַיין צִי אִיךְ דַארְף אוֹיפְהֵייבְּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

װָאס אִיז דִי שְׁאֵלָה? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ עֶנְטְפֶערְן װֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיר, װָאס אִיז דֶען גְרֶעסֶער פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם?!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין א, ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע וִוי אִים אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶנְדֶערְשׁ שֶׁערְן דִי הָאר, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ אַ קוּרְצֶערֶע שֵׁייטְל?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיװ, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק דֶערְמִיט, אוּן עֶס הָאט מִיר אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן פַאר מַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה גֵייט מֶען מִיט לַאנְגֶע שֵׁייטְלֶעךְ, מֶען גֵייט מִיט קְלֵיידֶער פוּן דִי לֶעצְטֶע מָאדֶע, אוּן מֶען שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעלֵיינְט אַסַאךְ אִין דִי בְּרִיװ אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט אַז אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹי מוּז אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ גֵיי דָאס טוּן. דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַז מַיין מַאן הָאט נִישְׁט גֶעװָאלְט אַזוֹי גְרִינְג מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, נָאר נָאךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אִים אוּן נָאכְ'ן אִים װַייזְן דִי בְּרִיװ אִיבֶּער דֶעם. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעװִיזְן װָאס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דִי גֶעװָאלְדִיגֶע בְּרָכוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן װָאס קוּמְט צוּ אַ פְרוֹי װָאס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ שֶׁערְן דִי הָאר, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְן זִיךְ בֵּייגְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים אִיךְ זָאל זִיךְ

שֶׁערְן דִי הָאר אָבֶער נָאר אוֹיב אִיךְ בְּלַייב מִיט מַיין גָאר לַאנְגֶע שֵׁייטְל, אוּן אוֹיב אִיךְ וִויל קוּרְצֶער מַאכְן דִי שֵׁייטְל דַאן קֶען אִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְסוּפָּק וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ יֶעצְט צוּ טוּן. אִיךְ וֵויס אַז מִיט דִי צַייט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן בֵּיידֶע זַאכְן וֶועלְן זַיין מְסוּדָר אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אָבֶער יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט קֶען אִיךְ טוּן נָאר אֵיינְס פוּן דִי צְווֵיי, וֶועלְכֶע זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס אַז זֵייעֶר הַארְבּ אוּן אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַז מֶען זֶעט אַרוֹיס דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "תּוּנְבָא לֵיתֵי" אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, "עַל הַהוּא בַּר נָשׁ" אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, "דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ" וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, "דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר" אַז עֶס זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען אִיר הָאר פוּן קָאפּ. "וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ" אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. "וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר" אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, "לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ" זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, "גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא" אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, "וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא" אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. "וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא" אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. "מַאן גָּרִים דָּא" וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? "הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר" דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס"; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען - וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאלְט אִיר זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, אֲפִילוּ אִיר וֶועט זִיךְ דַארְפְן אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן כַּמָּה פְּעָמִים אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת

בַּיי מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִינְגְעלַייט זֶענֶען גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן וָואס זֵיי זָאלְן טוּן בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״ש זָאגְן: ״זָאג דַיין וַוייבּ זִי קֶען גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל בִּיז דֶער עֶרְד - אַבִּי זִיךְ שֶׁערְן״.

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין לַאנְגֶע שֵׁייטְל. עֶר הָאט גֶעוִויזְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען אַז אַ שֵׁייטְל זָאל נִישְׁט זַיין לֶענְגֶער וִוי דִי אַקְסְל אוּן גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל גֵיין מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שֵׁייטְל; מִיט דֶעם הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעזָאגְט אַז זִיךְ שֶׁערְן אִיז נָאךְ מֶער וִויכְטִיג, אוּן עֶנְדֶערְשׁ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל וְכוּ׳; וַוייל אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אָפֶענֶע הָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאל אִיךְ הֵייסְן מַיין מַאן גֶעבְּן מַעֲשֵׂר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ קְלֵיינֶע שְׁאֵלָה, מַיין מַאן פַארְדִינְט זֵייעֶר שֵׁיין פַּרְנָסָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ מֵיין אַז עֶר גֶעבְּט נִישְׁט קַיין מַעֲשֵׂר, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס הָאט דָאס מִיט אַייךְ? אִיר זֶענְט נִישְׁט אַייעֶר מַאנְ׳ס פָּאלִיס-מַאן, אִיר דַארְפְט אִים נִישְׁט נָאכְקוּקְן אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט יָא מַעֲשֵׂר אָדֶער נִישְׁט.

זוּכְט אִין אִים גוּטֶע זַאכְן אוּן נָאר אוֹיף דֶעם זָאלְט אִיר קוּקְן. דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) וֶוען מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵויטְן - וֶוערְט יֶענֶער גוּט. אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָּמוּר, אוֹיבּ מֶען זוּכְט אִין אִים נָאר גוּטְס - וֶועט עֶר וֶוערְן אַ צַדִּיק, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט קֵיין רָשָׁע; וִוי מֶער מֶען זוּכְט אִין אִים גוּטְס - וֶוערְט יֶענֶער מֶער אוּן מֶער גוּט אוּן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ בַּייגֶעוואוֹינְט מַעֲשִׂיוֹת, פְּרוּיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אִין זֵייעֶר מַאן נָאר גוּטְס, אוּן מִיט דִי צַייט הָאבְּן זֵיי בַּאוִויזְן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן דִי שְׁטוּבּ פוּן אֵיין עֶק בִּיזְן צְוֵויטְן עֶק, צוּ אַ לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיינַאכְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיינַאכְט, אוֹיךְ סְתָּם תְּהִלִּים קֶען מֶען זָאגְן בַּיינַאכְט. דֶער בּוּטְשַׁאטְשֶׁער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פַּסְקְ'נְט (סֵפֶר אֵשֶׁל אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רלח, סְעִיף ב) אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט.

אֵיינְמָאל מֶען הָאט גֶעזָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען הָאט אַלֶעס מְתַקֵּן גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא)

"אִיךְ בִּין שְׁטַארְק אִין אַלֶעס וָואס אִיךְ זָאג, אָבֶער מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז וֶוער עֶס וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים [טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] - וֶועט אַלֶעס מְתַקֵן זַיין".

בֶּעסֶער אִיז צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, אָבֶער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה; מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אָדֶער מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה; מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, אָדֶער אִינְמִיטְן דִי נַאכְט וְכוּ' - זָאל מֶען גְלַייךְ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעס מְתַקֵן זַיין.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי צֶען אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע קַאפִּיטְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען מֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה אָנְהַאלְטְן דִי עֶרְלִיכְקֵייט פוּן אַלְס מֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאךְ אַזוֹיפִיל יָאר פוּן וַוארְטְן אוּן בֶּעטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר צוּגֶעשִׁיקְט מַיין שִׁידוּךְ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר מִיט אָפֶענֶע נִיסִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אַז אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין: "אוֹיבּ אִיז מִיר בַּאשֶׁערְט אַ מַאן אַן עֵשָׂו, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּישְׁן מַיין שִׁידוּךְ אוּן מִיר גֶעבְּן אַ יַעֲקֹב אָבִינוּ", אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶעבֶּעטְן אוּן עֶס קֶען גָאר מֶעגְלִיךְ זַיין אַז דָאס הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ בָּחוּר אַ צַדִיק, אַ בַּעַל מִידוֹת אוּן יְרֵא שָׁמַיִם, מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת.

דִי אַלֶע יָארְן אַלְס עֶלְטֶערֶע מֵיידְל הָאבּ אִיךְ זִיךְ גָאר אַסַאךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם זִיסְן טַאטְן אִין הִימְל, גֶעעֶנְדִיגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל תְּהִלִים, אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען דִי זִיסְקֵייט פוּן קִרְבַת אֱלֹקִים, אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל וָואס אִיךְ בִּין

צוגעוואוינט שוין פאר אַסאך יארן צו מאכן יעדע נאכט א שָׁעָה התבודדות, ווי אויך אַריינקוקן אין מוסר סְפָרִים, ווייל אן דעם האב איך זיך נישט געקענט רואיג לייגן. אויך לְמָשָׁל שַׁבָּת נאכמיטאג בין איך זעלטן געגאנגען געשלאפן ווייל איך האב אַפאר שָׁעָה פארברענגט מיט זאגן תְּהִלִּים, התבודדות, בעטן וואס איך דארף, דאוועגען און נאך גוטע זאכן.

עס באזארגט מיר אבער שוין א שטיק צייט, איך טראכט וואס איך גיי טון נאך די חֲתוּנָה... איך וועל מער נישט זיין אליין, נישט קענען גיין שלאפן ווען איך וויל, און איך וועל לכאורה נישט קענען אנהאלטן מיין ביז יעצטיגע וועג פון לעבן אזוי אפגעזונדערט נאר מיט'ן אייבערשטן, פארברענגען מיט'ן תְּהִלִּים, תְּפִלָּה און התבודדות און מוסר ספרים, איך וויל נישט מיין מאן זאל זיך דערשרעקן אז זיין ווייב פליעט אין די הויכע הימלען, אבער פון די אנדערע זייט וויל איך נישט פארלירן מיין שטארקע קשר מיט'ן אייבערשטן, איך וויל זיך נאכאלץ שפירן פארזיכערט אינעם אייבערשטנ'ס הענט.

איך האב שוין חֲתוּנָה גאנץ בְּקָרוֹב, און איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען מדריך זיין און ווייזן די ריכטיגע וועג ווי אזוי זיך צו פירן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

איך האב ערהאלטן אייער בְּרִיוו.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט גיין צו די חֲתוּנָה מיט מַזָּל און בְּרָכָה, די שְׁטוּב וואס איר בויט זאל זיין א בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, מיט ליכטיגע דורות.

יעצט נאך די חֲתוּנָה הויבט זיך אן די ריכטיגע לעבן. ביז אהער, כָּל זְמַן מען איז אליינס - איז די לעבן נישט קיין לעבן. אֲפִילוּ מען קען טון וואס מען וויל, גיין וואו מען וויל, מען איז נישט צוגעבינדן צו קיינעם - דאך איז דאס נישט די לעבן.

איר זאלט נישט אפלאזן אייער עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, איר זאלט ווייטער מַמְשִׁיךְ

זַיין מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען נָאךְ אַסַאךְ מֶער בֶּעטְן, נָאר וָואס דֶען? אִיר דַארְפְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְ'ן מַאן'ס חֶשְׁבּוֹן, אִיר קֶענְט זִיךְ אוֹיסְרֶעכֶענֶען וֶוען דָאס צוּ טוּן - עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף זַיין צַייט.

אִיר קֶענְט עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִילּוֹת אוּן אִין הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער וֶוען עֶר אִיז אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר לֶערְנְט וְכוּ', אָבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים - דַארְף מֶען זַיין גְרֵייט פַּארְ'ן מַאן; אִים גֶעבְּן עֶסְן, אוּן וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן לָאזְט מֶען אַלֶעס אָפּ אוּן מֶען גֵייט שְׁלָאפְן וְכוּ' וְכוּ'.

וֶוען אַייעֶר מַאן וֶועט וֶועלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ - זָאלְט נִישְׁט דֶעמָאלְט לֶערְנֶען מוּסָר סְפָרִים, אוּן אַז עֶר וֶועט וֶועלְן גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט אַייךְ - זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין קַיין פְרוּמֶע נַאר אוּן זָאגְן: "מֶען דַארְף קוֹדֶם לֶערְנֶען אַפָּאר שָׁעָה סִפְרֵי מוּסָר", נָאר טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין סִפְרֵי מוּסָר; זַיין גְרֵייט פַאר אִים אוּן אִים טוּן זַיין ווִילְן.

מַזָל טוֹב פַאר דִי חֲתוּנָה.

...

[דֶער בְּרִיוְו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אִיךְ ווִיל אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן אַכְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר חֵשֶׁק צוּ הָאבְּן אַ שִׁידוּךְ אַ בָּחוּר פוּן אַייעֶר גֶעוָואלְדִיגֶע יְשִׁיבָה, אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דֶערִין, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי אִיבֶּערְצֵייגְן יָא צוּ זוּכְן פַאר מִיר אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ד' דַחֲנוּכָּה, כ"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה, נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים, אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, חֵלֶק ב', סִימָן י): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען טוּישְׁן אֲפִילוּ דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶערְרוּפְן אִין הִימְל; אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן, אַז לֵאָה הָאט גֶעדַארְפְט חַתוּנָה הָאבְן מִיט עֵשָׂו הָרָשָׁע, אָבֶּער זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט חַתוּנָה הָאבְן צוּ אַזַא רָשָׁע, הָאט זִי גֶעוֵויינְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" - פוּן אַסַאךְ וֵויינֶען, אַז זִי זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ עֵשָׂו; זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי ווִיל חַתוּנָה הָאבְן צוּ אַ צַדִּיק, צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אִיר תְּפִלָּה, זִי הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה; אוֹיב מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְן אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים גֶעבְּן וָואס עֶר בֶּעט, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אַזוֹי ווִי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִים". נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן וָואס עֶר טוּט - סֵיי אוּן תּוֹרָה, סֵיי אִין תְּפִלָּה". לִכְאוֹרָה זֶעט דָאס אוֹיס ווִי אַ שְׁטִיקְל סְתִירָה; דָא זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן אִים צוּ

בֶּעטְן, אוּן פְרִיעֶר זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט עַקְשָׁנוּת. אִיז דָאס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִירָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נִישְׁט אָפְּלָאזְן צוּ דַאוְוענֶען; אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט", אֲפִילוּ עֶס זָאלְן קוּמֶען מַלְאָכִים אוּן נְשָׁמוֹת פוּן הִימְל אִים זָאגְן: "מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט" - זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן, נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ דוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דוֹחַקְתּוֹ", וֶוער עֶס עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ - עֶר זָאגְט 'עֶס מוּז יֶעצְט גֶעשֶׁען דָאס אוּן דָאס', דֶער וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן; נָאר מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר טוּט נָאר וָואס עֶס אִיז גוּט].

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ טַעֲנָה'נֶען מִיט דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; לָאז נִישְׁט אַרַיין דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס לִיגְט אוּנְטֶער דִי טַעֲנָה'רֵייעֶן, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, מֶען מֶעג זִיךְ אַבִּיסְל טַעֲנָה'עֶן; וָואלְסְטוּ גֶעווּיסְט אַז דָאס אִיז אַ פַּאסְטְקֶע וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵייגְט אוֹיס בַּיי דִיר, דִיךְ צוּ כַאפְּן אִינֶעם נֶעץ, צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ - וָואלְסְטוּ זִיכֶער אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דָאס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן.

זִיכֶער נִישְׁט נוּצְן דִי צִינְג צוּ שְׁטֶעכְן אוּן פְּלִיקְן, אוּן אַז דַיין וַוייבּ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אוּן זִי שְׁטֶעכְט יָא - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִיקְשְׁטֶעכְן, נָאר גִיסְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן קַיין אָפְּשֵׁייד צְווִישְׁן עֶנְק.

הָאסְט אַ שֵׁיינֶעם פֶּעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, גֵיי שְׁפַּאצִירְן, גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַחֵם עָלַי, הָאבּ אוֹיךְ מִיר רַחְמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ זִיךְ דַארְפְן צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, הֶעלְף מִיר גֶעדֶענְקֶען פוּן זִכָּרוֹן בְּעָלְמָא דְאָתֵי", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַרְחִיב בְּדִבּוּר זַיין.

...

### גְרֵייט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ גָאר חָשׁוּבְ'עֶ כַּלָּה אוּן אַ גָאר חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה; דִי גַאנְצֶע שִׁידוּךְ דַיינֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶע נֵס מִן הַשָּׁמַיִם.

בְּנוֹגֵעַ אַז דִי חֲתוּנָה זָאל זַיין אִין יְשִׁיבָה; אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן מַאכְן דִי חֲתוּנָה אִין אַ זַאל - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מִתְחַצֵּף זַיין צוּ זֵיי, דוּ זָאלְסְט זֵיי נָאר דַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס זֵיי טוּעֶן פַאר דִיר. פִיר זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זֵיי, עֶס אִיז נִישְׁט דַיין גֶעשֶׁעפְט, מִן הַסְתָּם שֶׁעמֶען זֵיי זִיךְ מִיט בְּרֶסְלֶב, פוּן דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פוּן דִי אַרוּמִיגֶע.

גְרֵייט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה, זֶע צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס לִכְבוֹד דִי חֲתוּנָה אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, בֶּעט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב נָאר שָׁלוֹם אוּן נָאר לִיבְשַׁאפְט.

...

### טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה פַאר דִי אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב וָואס דוּ הָאסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה פַאר דִי שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב וָואס דוּ הָאסְט. ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיז פַארְ'ן עֶרְלִיכְן אִיד, ווִי זִיס אִיז פַאר דִי פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, ווִי קֶען מֶען זִיךְ נַארְן אוּן אוֹיפְטוֹישְׁן שֵׁיין אוֹיף נִישְׁט שֵׁיין, ווִי קֶען מֶען אוֹיפְטוֹישְׁן אַן אֵיידֶעלֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע פַאר אַ נִישְׁט אֵיידֶעלֶע; גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז נִיטְאַמָאל אַ נִסָּיוֹן, דִי נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וְכוּ'.

גֵיי אַ טֶענְצְל, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזַא מַתָּנָה, אַזַא וַוייבּ, אַ צָנוּעַ און אַן עֶרְלִיכֶע - וָואס דוּ הָאסְט. שֶׁעץ אִיר, רוּם אִיר, הֵייבּ אִיר, פִּיר זִיךְ צוּ אִיר וִוי מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ אַ קֶענִיגְן.

דִי צְוֵויי זַאכְן, שִׂמְחָה און שָׁלוֹם - בְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ. שִׂמְחָה און שָׁלוֹם, דִי צְוֵויי זַאכְן בְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען שְׁפִּירְט אֱלֹקוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, אָדֶער טוּסְטוּ עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה אָדֶער זִיץ און לֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ קוּמֶען אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? הָאסְט דָאךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה; סְתַּם זִיךְ דְרֵייעֶן און פְרֵייעֶן - אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק, און זִיכֶער נִישְׁט אַרַיינְשְׁלָאפְן אִין טָאג אַרַיין. דִי שְׁטוּבּ קֶען צֶעפַאלְן; וַוייל אַז דִי וַוייבּ שְׁטֵייט אוֹיף לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט און צוּ דִי קִינְדֶער, און דֶער מַאן שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין - שְׁטֶערְט דָאס דִי וַוייבּ, קֶען חַס וְשָׁלוֹם דִי לִיבְשַׁאפְט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט, און וִוי קֶען זִי אַרוֹיפְקוּקְן וְכוּ׳?

יֶעצְט אִיז דַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן, דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן. מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא און נוּץ אוֹיס דַיינֶע טֶעג; אָדֶער טוּסְטוּ עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה אָדֶער זִיץ און לֶערְן, גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק, וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ׳ זַיין.

...

**זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת נֹחַ, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה. גֵיי אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וְכוּ', אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

ווארויל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין אֶרֶץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיסְט טַאקֶע אַ יוּנְג קִינְד פוּן אַכְט יָאר, אָבֶּער דַיין הִתְנַהֲגוּת אִיז אַזוֹי וִוי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, דוּ פִירְסְט זִיךְ אַזוֹי וִוי אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. גֵיי וַוייטֶער הִתְבּוֹדְדוּת, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעטוּן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מַאכְן פַּאר אַ צַדִּיק.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין לְכָבוֹד דַיין יוֹם הוּלֶּדֶת, דוּ וֶוערְסְט יֶעצְט נַיין יָאר; זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַזִּיקִין, עֶר אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַאר אֵיין מִינוּט. אֵיידֶער דוּ שְׁלָאפְסְט אַיין זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מָארְגְן גֵיי אִיךְ זַיין אַ צַדִּיק", אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר פַארְגֶעבְּן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען.

אַז דוּ וֶוערְסְט שׁוֹין נַיין יָאר - וֶוערְסְטוּ שׁוֹין אַ גְרוֹיס קִינְד, זָאלְסְטוּ זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ פוּן דַיין יָארְגַאנְג, פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אָדֶער שְׁכֵנִים, וַוייל דוּ וֶוערְסְט שׁוֹין נָאךְ אַבִּיסְל אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, זָאלְסְטוּ

זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט קִינְדֶער אִינְגְלֶעךְ. אוֹיךְ נִישְׁט מִיט דַיינֶע מוּמֶעס; קֶענְסְט בַּאגְרוּסְן דַיינֶע מוּמֶעס אָבֶער נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי.

נָאכְאַמָאל וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה פוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג. גֵיי הִינְטֶער דַיין שְׁטוּב, צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים - וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אוֹיךְ בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן וַואקְסְן אַ צַדִיק.

...

### פַארְצֵייכֶענֶען אִינֶעם תְּהִלִּים דִי סִיוּמִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק
דִי חָשׁוּבֶ'עֶ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה ... תְּחְיֶ', בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר שֵׁיין צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, יֶעצְט זֶעט אִיר אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט מֶען, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, נִישְׁט מִיד וֶוערְן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זָאלְט מִיר שְׁרַייבְּן וֶוען אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר מַאכְט אַ סִיוּם, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ פַארְצֵייכֶענֶען אִין אַייעֶר תְּהִלִּים אַייעֶרֶע סִיוּמִים.

...

### יֶעצְט בִּיסְטוּ יוּנְג, קֶענְסְטוּ נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן וָואס מֵיינְט עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעצְט אִין טֶעג אוּן וָואכְן וָואס דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ צוּ דַיין חֲתוּנָה - זָאלְסְטוּ

אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה. הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע כַּלָּה, דַארְפְסְטוּ זִיךְ גְרֵייטְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חוּמָשׁ רַשִׁ"י, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; שְׁפִּיל זִיךְ נִישְׁט וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וְכוּ'.

בַּיינַאכְט גֵיי נָאךְ גֶעלְט, הֶעלְף דַיין טַאטֶע זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַ בַּעַל חוֹב פוּן דִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן.

יֶעצְט בִּיסְטוּ יוּנְג, קֶענְסְטוּ נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן וָואס מֵיינְט עֶלְטֶערְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דוּ וֶועסְט עֶלְטֶערְן וֶוערְן וֶועסְטוּ זִיךְ כַאפְּן וָואס מֵיינְט עֶלְטֶערְן. מֶענְטְשְׁן רַייסְן זִיךְ דִי הָאר פוּן קָאפּ וֶוען זֵיי טְרַאכְטְן פוּן זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן, זֵייעֶר כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אִיךְ הָאב דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ גָאר חָשׁוּבְ'עֶ כַּלָּה, אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען וִוי שֵׁיין דוּ וֶועסְט לֶעבְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

פָאלְג מִיךְ, נוּץ אוֹיס דַיין צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו, וַוייל אִיךְ וִויל וַוייטֶער הָאבְּן מִיט דִיר אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר. יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה זֶע אִיךְ דִיר יֶעדְן טָאג אוּן מִיר רֶעדְן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער נָאךְ דַיין חֲתוּנָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ פַּרְשָׁה, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ וִויל נִישְׁט אוּנְזֶער שַׁיְיכוּת זָאל וֶוערְן דֶערְוַוייטֶערְט, וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.

דָא הָאסְטוּ אַפָּאר יְסוֹדוֹת פַאר דַיין לֶעבְן. נֶעגְל וַואסֶער, מִקְוֶה, דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, תִּיקוּן הַכְּלָלִי, הִתְבּוֹדְדוּת, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, מִשְׁנַיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא, שִׂמְחָה אוּן יֶעדְן טָאג אַהֵיים רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי יוּנְגְוַוארְג אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיר מַאכְט אַ רֶייץ בַּיי דִי קִינְדֶער אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל, אַלֶע זָאלְן וֶועלְן גֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה מִיט דִי שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לְבוּשׁ. אִיר טוּט זִיךְ אָן אַזוֹי אֵיידְל אוּן אַזוֹי צַאמְגֶענוּמֶען, אַז דִי קִינְדֶער זָאגְן: ״מִיר ווִיל אוֹיךְ אוֹיסְזֶען אַזוֹי ווִי מָרַת ..., מִיר ווִילְן אוֹיךְ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן״.

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר דֶעם. אִיר הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִי עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ אִין לֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ דוֹר אִידִישֶׁע מַאמֶעס, אִידִישֶׁע ווַייבְּלֶעךְ - ווָאס זָאלְן לִיבְּן אִידִישְׁקֵייט, זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דִי אִידִישֶׁע אָנְטוּן.

קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט ווָאס אִיךְ ווִיל, אַלֶע זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין מִיר, מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר כָּל דָּבָר אָסוּר כְּאֶחָד הָרֵיקִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֵייסְט ווָאס אִיךְ ווִיל; אִיךְ ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין בְּנֵי הַנְּעוּרִים, סַיי בַּיי דִי בָּחוּרִים אוּן סַיי בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, מֶען זָאל זִיךְ עֶקְלֶען פוּן אוּמוֹת הָעוֹלָם, מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, עֶס זָאל זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אִיר אוּן נָאךְ אַפָּאר יוּנְגֶע ווַייבְּלֶעךְ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

...

## אִיךְ ווִיל זַיין חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דְרֵיי מָאל אַ יָאר ווָאס אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן: ״רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת״.

עֶס זֶענֶען דָא אִין בְּרֶסְלֶב ווָאס פָארְן קַיין אוּמַאן דִי דְרֵיי צַייטְן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן מְקוּבָּל פוּן מוֹהֲרָא״שׁ צוּ בְּלַייבְּן שָׁבוּעוֹת אוּן חֲנוּכָּה אִין שְׁטוּבּ,

און מִיר קוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן.

אִיךְ וִויל זַיין חֲנוּכָּה און שָׁבוּעוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וואוּ מֶען קֶען פְּלַאצִירְן אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים. אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ דָאס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי גַבָּאִים, אֶפְשָׁר קֶען מֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַ פְּלַאן וואוּ דִי בָּחוּרִים זָאלְן שְׁלָאפְן?

לָאז מִיךְ וִויסְן אוֹיב עֶס אִיז דָא אַ פְּלַאן.

גֵיי אִין שׁוּל צוּפִיס, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַפָּאר מִינוּט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דוּ וואוֹינְסְט נִישְׁט וַוייט פוּן שׁוּל, אִיז דָאס גוּט פַאר דִיר בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת, סֵיי פַארְן גֶעזוּנְט און סֵיי פַאר הִתְבּוֹדְדוּת.

...

### אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אוֹיפְפִירוּנְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אוֹיפְפִירוּנְג, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר אַזוֹי שֵׁיין, דַיין דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר וִוי צוּפְרִידְן אִיךְ בִּין פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי גוּטֶע וֶועג, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא, און דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דַיין אַרְבֶּעט פוּן וָואכְן לַאנְג אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ - וֶוערְט בַּיים סוֹף נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט. גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דֶער זַאךְ, טְרָאג אָן וָואס מֶער שִׁידוּכִים, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם - אוֹיבּ עֶס וֶוערְט יָא אוֹיסְגֶעפִירְט אָדֶער נִישְׁט, דוּ טוּ דַיינְס.

הַלְוַאי זָאלְן נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה, מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים.

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוֹיךְ מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג תְּפִלּוֹת אוּן מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים וְכוּ'" אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מַאכְן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת בַּיים מַאכְן שִׁידוּכִים, דָאךְ מַאכְט דָאס מִיר נִישְׁט שְׁוַואךְ, אַדְּרַבָּה, עֶס מַאכְט מִיר נָאר שְׁטֶערְקֶער צוּ מַאכְן וָואס מֶער שִׁידוּכִים.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא.

...

### נִישְׁט וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פַאמִילְיֶע מִיטְגְלִידֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ מַאמֶע מִיט גֶעשְׁוִוּיסְטֶער אָדֶער נִישְׁט; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז "יָא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן מִשְׁפָּחָה; אַ טַאטֶע, מַאמֶע, בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, זֵייעֶר גֶעזוּנְט.

אָבֶער, אוֹיבּ מֶען הָאט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, אַ מַאמֶע וָואס אִיז

גַייסְטִישׁ נִישְׁט גֶעזוּנְט אִיז מֶער שֶׁעדְלִיךְ פַאר׳ן מֶענְטְשׁ צוּ וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט פוּן דִי מַאמֶע, דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אִיר אוּן דִי נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ נָאכְאַמָאל שְׁרַייבְּן (הַלְוַואי זָאלְט אִיר אִיבֶּערְלֶערְנֶען אַלֶע אַלְטֶע בְּרִיוְון), עֶפֶּעס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַייעֶר מַאמֶע. זִי אִיז זַייעֶר וואוּיל, זַייעֶר גוּט, אָבֶער עֶפֶּעס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִיר. בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג, אִיר זָאלְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַייעֶר לֶעבְּן, מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה (אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז אַייעֶר מַאן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער).

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאמֶע זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ. זוּכְט אוֹיף גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, שְׁרַייבְּט זִיךְ אַרָאפּ אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט גוּטְס:

1) אִיר זֶענְט אַ אִידִישׁ קִינְד, 2) אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, 3) אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט, 4) אִיר זֶענְט חַתוּנָה גֶעהַאט, אִיר הָאט אַזַא שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה.

יֶעצְט נֶעמְט דִי זַאכְן אוּן צֶעטֵיילְט עֶס אִין נָאךְ זַאכְן, לְמָשָׁל גֶעזוּנְט, צֶעטֵיילְט דָאס אוֹיף פִּיצְלֶעךְ; דַאנְקְט פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן, אַייעֶר נָאז, אוֹיעֶרְן אוּן מוֹיל, הֶענְט אוּן פִּיס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַאכְט זִיךְ אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג וָואס אִיר זִיצְט אַלֵיינְס, אִיר מִיטְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער אוּן שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, קוֹדֶם זָאלְט אִיר אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים, אוֹיף אַלֶעס גוּטְס, נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע אַייעֶרֶע זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן אַייךְ, אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַבִּיסְל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶעבְּן; דָאס לֶעבְּן וֶועט אַייךְ זִיס וֶוערְן, דָאס לֶעבְּן וֶועט אַייךְ וֶוערְן גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק.

בֶּעטְס דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן, אַלֶעס אִיז פוּן דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אַז אִיךְ וֶועל זַיין פְּרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ אַלֶעס הָאבְּן".

אַזוֹי זָאלְט אִיר צוּלֵייגְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת.

...

**אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ שֶׁעצְט דַיין וַוייבְּ'ס צְנִיעוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר גוּט, אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיוו, אָדֶער דוּ אָדֶער דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין זִיךְ וַוייטֶער צוּ פִירְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ שֶׁעצְט דַיין וַוייבְּ'ס צְנִיעוּת, אִיךְ הָאף דוּ גֶעבְּסְט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן דוּ בִּיסְט אִיר מְחַזֵּק. מַאךְ נִישְׁט דֶעם טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן, אַרָאפּ צוּ שְׁלֶעפְּן דִי וַוייבְּ'ס צְנִיעוּת, חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִיר צְנִיעוּת, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי פַאלְט אִינְגַאנְצְן - הָאט מֶען חֲרָטָה, אָבֶער דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיקְדְרֵייעֶן, דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט.

אִיךְ הָאף דוּ גֶעבְּסְט אִיר יֶעדְן טָאג אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אִיר שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע אִידִישֶׁע אָנְטוּן, זִי מַאכְט אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם אוּן אַ רֵייץ בַּיי דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אֵיידְל.

לֶערְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַאטְרִיַאל זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

...

## ווי מֶער מֶען בֶּעט, אַלְץ מֶער נַחַת זֶעט מֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל אוּן זֵייעֶר טֵייעֶר, עֶר פִּירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג, אִיךְ בִּין אִים זֵייעֶר מְקָרֵב.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת וְכוּ׳ - מַאכְט מֶען נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי לֶעצְטֶע טָאג.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; וואוּ מֶען וואוֹינְט אִיז גוּט, עֶס אִיז גוּט אִין שְׁטָאט, עֶס אִיז גוּט אִין שְׁטֶעטְל; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן וואוּ קֶענֶען דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אוּן וואוּ קֶען דֶער מַאן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, אַן עֶרְלִיכֶער רָב, אַן עֶרְלִיכֶער דַיָּין; נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אָן אוֹיפְהֶער פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ; ווי מֶער מֶען בֶּעט - אַלְץ מֶער נַחַת זֶעט מֶען.

...

## אַז מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, הָאט מֶען הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווי דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אוּן אַזוֹי ווי זֵיי ווילְן; אַז מֶען הַאלְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן, מֶען גֵייט אִין זֵייעֶר וֶועג - הָאט מֶען הַצְלָחָה.

דִי יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן בַּאלְד שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער דִי שְׁפִּיל; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר זָאגְן אַז זֵיי ווילְן טוּן אַזוֹי ווי זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אוּן דוּ וֶועסְט וֶועלְן אַנְדֶערְשׁ; וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט פַארְשְׁטֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

ווּאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, דוּ זִינְגְסְט מִיט זֵיי זְמִירוֹת אוּן דֶערְצֵיילְסְט זֵיי סִיפּוּרֵי צַדִיקִים; וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט פָארְלֶערְנֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת - וָואלְט אִיךְ גֶענוּמֶען דִי מִצְוָה פַאר מִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִי פַּרְשָׁה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אוּן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים; אִיךְ בִּין נִישְׁט מְגַזֵם, אִיךְ וָואלְט דָאס גֶעטוּן, וַוייל דָאס אִיז הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רט): ״אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן״, אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם): ״וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא״, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ פְלַאם פֵייעֶר אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער, מִיר זָאלְן דֶערְצֵיילְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וָואס דָא טוּט זִיךְ; וּבֶאֱמֶת דַארְפְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דָאס נָאךְ מֶער הֶערְן, כְּדֵי נִישְׁט אַלְט צוּ וֶוערְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן פַארְשְׁלָאפְן.

בְּלַייב מִיט דִי לְבוּשׁ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן. דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קְלֵיידֶער (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב, מַעֲשֶׂה מִבַּעַל תְּפִלָּה), נָאר דָאס הַארְץ זָאל בַּיי דִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פַּארְוָואלְוְולְט? וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ? דוּ בְּרֶענְגְסְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיפִיל אִידְן הָאבְּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן צוּלִיב דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֵר, לָאז אָפּ דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; הוֹיבּ אָן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בְּנַחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ", אוּן שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן גֵיי וַוייטֶער אָן בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים, דִי לִיכְטִיגֶע בְּרִיוּו.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי "קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, פוּן גְדוֹלֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן פּוֹלִין, וִוי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מֶען זָאל אִים דָאס נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּן לַאגֶער מִיט דִי שְׁטֶעכֶעדִיגֶע דְרָאט, אוּן אַ שׁוּרָה אוֹיסְגֶע׳שׁוּרָה׳טֶע אִידְן מִיט דִי גֶעשְׁטְרֵייפְּטֶע בְּגָדִים מִיט דִי גֶעלֶע לַאטֶעס, מִיט דִי הֶענְט אִין דִי הֵייעֶךְ. אַ הַאלְבֶּע שׁוּרָה זֶענֶען אָפְּגֶעשׁוֹירְן בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן פוּן אִינְמִיטְן דִי שׁוּרָה אוּן וַוייטֶער מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן וִוי אַ נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ הַאלְט אַ גְרוֹיסֶער שֶׁערְל אוּן פְּרוּבִּירְט דָאס צוּ פַּארְעֶכְטְן.

בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאבְּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן, זֵיי אַרַייְנְגֶעלֵייגְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע לַאגֶער אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שְׁטֶעכֶעדִיגֶע דְרָאטְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן דָארְט. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטוֹן אַלֶע אִידְן מִיט פַארְשֶׁעמְטֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן אַרֶעסְטַאנְטְן אִין תְּפִיסָה, אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גֶעלֶע שְׁמַאטֶע

מִיט אַ מָגֵן דָוִד, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשׁוֹירְן אַלֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶענוּמֶען אִין דִי וַוארְשֶׁע לַאגֶער, דָארְט הָאט מֶען יֶעדְן אוֹיסְגֶע'שׁוּרָה'ט אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט יֶעצְט יֶעדְן אֵיינֶעם אָפְּשֶׁערְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת. רֶבִּי יִצְחָק הָאט גֶעוִויסְט פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶעוִויסְט אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת"; עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל.

דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, עֶר שְׁנַיידְט אָפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי יִצְחָק הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן מַיין הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת"; עֶר קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער, עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיי רֶבִּי יִצְחָק אוּן... בּ ו ו ו ם... ! דִי שֶׁערְל הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן.

דֶער עֶס יִמַּח שְׁמוֹ ווערְט גֶערֶעגְט, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן, עֶר וֶוערְט אִין כַּעַס, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי שֶׁערְל, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, רֶבִּי יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן הֵיילִיגֶע בָּארְד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס מִיר ווִילְן אוּן וָואס מִיר דַארְפְן - גֵייעֶן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דָאס גֵייט מֶען נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "אַ תְּפִלָּה, אַ תְּפִלָּה - אוֹיף דַיין אֵייגְן שְׁפְּרַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - בַּאקוּמְט מֶען יֶעדֶע זַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - וֶועסְטוּ נִיסִים זֶען, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - יְשׁוּעוֹת וֶועט גֶעשֶׁען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ הַאלְטְן פְּרִישׁ, נִישְׁט אַלְט וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

"הַדְרָן עֲלָךְ תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי וְהַדְרָךְ עֲלָן", מִיר עֶנְדִיגְן הַיינְט גַאנְץ תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי אוּן מָארְגְן הוֹיבְּן מִיר אָן נָאכְאַמָאל. עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט דוּ זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בַּיִת נִצְחִי, אַ בְּלַאט בַּ׳בְלִי אַ בְּלַאט יְ׳רוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא, מִיט דֶעם בּוֹיט מֶען זִיךְ אַ בַּ׳יִ׳ת׳ נִצְחִי בָּזֶה וּבַבָּא; דָאס נֶעמְט מֶען מִיט, דָאס וֶועט אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

שַׁבָּת אִיז בַּיי אוּנְז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אַ שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רצז): "הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי", דִי שַׁבָּתִים וָואס מֶען קוּמְט צוּ מִיר, "הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", אִיז בֶּעסֶער אוּן גְרֶעסֶער וִוי פַאסְטְן זִיבְּן מָאל מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק כג, מִכְתָּב ב׳ תתקנח): "אַשְׁרֵי מִי שֶׁמִּתְחַבֵּר עַצְמוֹ עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים בְּעִירוֹ", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס קוּמְט שַׁבָּת זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "שֶׁזֶּה מַמָּשׁ כְּאִילוּ שֶׁשָּׁבְתוּ אֵצֶל רַבֵּינוּ זַ״ל", וָואס דָאס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אַ שַׁבָּת זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוֶונֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק פוּן אֱמוּנָה (סִימָן תתפג), וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן אָפְּלָאזְן חֲקִירוֹת נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶונֶען בַּיי דִי קִידוּשׁ לֶערְנֶען מִיר פָאר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג), בַּיי דִי שְׁטִיקְל וִוי דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט דִי בֶּעטְלֶערְס. הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אוּן בֶּענְקֶען: "וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הַיינְט אוֹיךְ זַיין אַזוֹי וִוי דֶעמָאלְט, אוּן שְׁפִּירְן וִוי מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָן דִי בֶּעטְלֶערְס?" זֵיי

הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּענְקְט צוּ דִי צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי הוּנְגֶערִיג פַאר דִי בֶּעטְלֶערְס, דָאס הֵייסְט וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען שְׁפִּירְט אַזַא דוּרְשְׁטִיגְקֵייט, אַזַא הוּנְגֶער, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּ יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען הֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶוערְט מֶען אַלֶעס אַלְט, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶוערְט שׁוֹין נֶערְוֶועז צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; צוּ דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּענְקְט, אוּן צוּ דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ כְּסֵדֶר בֶּענְקֶען, מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אַלְט, מִיר זָאלְן אַלְץ זַיין פְרִישׁ, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי שִׂיחָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רס), רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט: "פַּעַם אַחַת דִּבֵּר עִמִּי וְהִפְלִיג בְּמַעֲלַת הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין וְהַגַּעְגּוּעִים לִדְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה", דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן טוּן גוּטֶע זַאכְן, "אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לַעֲשׂוֹתָם", אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ טוּן - "אַף עַל פִּי כֵן הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַגַּעְגּוּעִים בְּעַצְמָן טוֹבִים מְאֹד", זָאל מֶען בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן טוּן דִי זַאכְן. "וְאָז הֵבִיא רְאָיָה לָזֶה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' צוּ דֶעם, אַז ווִילְן אוּן בֶּענְקֶען אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ, "מֵהַדִּין הַמְבֹאָר בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ אֹרַח חַיִּים סִימָן ס"ב" (סְעִיף ד), עֶס אִיז דָא אַן הֲלָכָה, "שֶׁמִּי שֶׁהוּא בְּמָקוֹם שֶׁאֵינוֹ נָקִי וְאֵינוֹ יָכוֹל לִקְרוֹת קְרִיאַת שְׁמַע", וֶוער עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ נִישְׁט רֵיינֶע פְּלַאץ אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, "יְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ", זָאל עֶר טְרַאכְטְן אִין זַיין הַארְץ.

"וּפֵרְשׁוּ שָׁם, שֶׁהַפֵּרוּשׁ הוּא: שֶׁיְּהַרְהֵר בְּלִבּוֹ שֶׁהוּא צָרִיךְ לִקְרוֹת קְרִיאַת שְׁמַע וְאֵינוֹ יָכוֹל, וְיִצְטָעֵר עַל זֶה וְהוּא מְקַבֵּל שָׂכָר עַל זֶה, עַיֵּן שָׁם", נִישְׁט עֶר זָאל טְרַאכְטְן פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אִין אַ נִישְׁט רֵיינֶע פְּלַאץ, נָאר עֶר זָאל טְרַאכְטְן, 'עֶס אִיז אַזַא שָׁאד אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע', אוּן עֶר זָאל טְרַאכְטְן, 'הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע', "נִמְצָא שֶׁהַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַגַּעְגּוּעִים שֶׁמִּצְטַעֲרִים לַעֲשׂוֹת הַמִּצְוָה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַ קְלָארֶע רְאָיָ' אַז בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן צוּ טוּן אַ מִצְוָה, "אַף עַל פִּי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְגָמְרָהּ", אֲפִילוּ מֶען קֶען דָאס נִישְׁט

טוּן - "הֵם גַּם כֵּן יְקָרִים מְאֹד וּמְקַבְּלִים שָׂכָר עֲלֵיהֶם", אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר הָאבְּן דָאס אַרֵיינְגֶעטֵייטְשְׁט אִין פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ (בְּרֵאשִׁית יח, א): "וַיֵּרָא אֵלָיו ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ, "וְהוּא יֹשֵׁב", עֶר אִיז גֶעזִיצְן, "פֶּתַח הָאֹהֶל", בַּיים טִיר פוּן גֶעצֶעלְט, "כְּחֹם הַיּוֹם", וֶוען דִי זוּן הָאט גֶעבְּרֶענְט. דָאס וֵוייסְן מִיר דָאךְ, אַז יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט נָאר אַ סִיפּוּר הַדְּבָרִים וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייטְשְׁט רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אֶבֶן הָעֶזֶר אִישׁוּת הֲלָכָה ד', אוֹת יט; וְעוֹד), אַז יֹשֵׁב אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עַכָּבָה - וַוארְטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט סַבְלָנוּת, עֶר וַוארְט פֶּתַח הָאֹהֶל, בַּיים טִיר פוּן קְדוּשָּׁה; וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה אַרֵיין צוּ גֵיין אִינֶעם טִיר פוּן קְדוּשָּׁה, דָאךְ, אוֹיב מֶען זִיצְט, מֶען וַוארְט בַּיים טִיר; מֶען גְלִיסְט, מֶען בֶּענְקְט, מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וַיֵּרָא אֵלָיו ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז "כְּחֹם הַיּוֹם", עֶס בְּרֶענְט אַלֶע תַּאֲווֹת, עֶס פְלַאקֶערְט דֶער יֵצֶר הָרָע, אוֹיב מֶען בְּלַייבְּט זִיצְן אוּן וַוארְטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת.

אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן צַדִּיקִים נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בְּחַצְרוֹת אֱלֹקֵינוּ יַפְרִיחוּ" (תְּהִלִּים צב, יד), זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין חָצֵר, דָארְט זֶענֶען זֵיי גֶעוַואקְסְן בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִּיקִים.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ בִּין פָּשׁוּט פַארְנוּמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים. אוֹיךְ אִיז הַיינְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ גַאסְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מוֹסְדוֹת; אִיךְ דַארְף גֵיין זִיצְן מִיט אִים, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָּצָה, וֶועסְטוּ שְׁנֶעל אַ חָתָן וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט לְכָבוֹד שַׁבָּת אַ גוּטֶע הֲפָּצָה קֶענְדִי; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי מֶעסִידְזְשׁ פוּן דִי יְרוּשָׁלַיִם׳עֶ חַבוּרָה, ווִי יֶעדֶער זָאגְט אַרַיין ווִיפִיל עֶר הָאט מֵפִיץ גֶעוֶוען אוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הֲפָּצָה, אַ גַאנְץ שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר דִי גַאנְצֶע חַבוּרָה אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז אִיר גֵייט הֲפָּצָה. בַּיי מוֹהֲרַא״שׁ אִיז גֶעוֶוען הֲפָּצָה דִי עֶרְשְׁטֶע, דִי לֶעצְטֶע, דִי מִיטְלְסְטֶע אוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ!

אִיךְ פְלֶעג זֶען דִי שְׁמֵייכְל וָואס מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט גֶעבְּן פַאר דִי מְפִיצִים, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מַמָשׁ פְרֵייעֶן, אוּן יֶעדֶע מָאל דִי מְפִיצִים זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן הֲפָּצָה פְלֶעגְט מוֹהֲרַא״שׁ זִיךְ אֲוֶועקְזֶעצְן אוּן אוֹיסְפְרֶעגְן אוּן אוֹיסְהֶערְן פִּינְקְטְלִיךְ וֶוער עֶס הָאט גֶענוּמֶען דִי סְפָרִים אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען אוּן וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִינְטֶערֶעסִירְט; דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר דִי בָּחוּרִים, אַז זֵיי וֶועלְן גֵיין הֲפָּצָה - וֶועלְן זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ; דָאס וֶועט צוּאַיילְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, מוּז מֶען רֶעדְן אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט; דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹות.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; זָאלְסְט זָאגְן דַיין וַוייבּ וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר. זָאג אִיר עֶס בְּאוֹפֶן אַז דִיר אִיז דָאס שְׁוֶוער, נִישְׁט אַז זִי הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם. זָאג אִיר נִישְׁט: "דוּ שְׁטִינְקְסְט!" זָאג אִיר: "מִיר אִיז שְׁוֶוער דִי גֶערוּךְ", אוּן שְׁלָאג פָאר זִי זָאל לֵייגְן וָואס מֶען לֵייגְט - אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי שְׁוֵוייס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זִיךְ וַואשְׁן דִי מוֹיל מִיט אַ מִינְט, וְכַדוֹמֶה לָזֶה. קֶען זַיין אַז בַּיים זָאגְן וֶועט דָאס נִישְׁט זַיין אַזוֹי אַיינְגֶענֶעם, אָבֶּער דָאס וֶועט מַאכְן עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק אוּן עֶס זָאל בְּלַייבְּן דִי לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער וֵוייסְט אַז עֶס גֵייט אַ גֶערוּךְ פוּן מוֹיל, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז סֶענְסֶעטִיוְו צוּ דֶעם, אוּן אַז מֶען זָאגְט עֶס אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג - פְרֵיידְט זִיךְ יֶענֶער.

צוּ הָאבְן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת - מוּז מֶען רֶעדְן, מֶען דַארְף זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, בִּפְרַט זַאכְן וָואס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ פַארְ׳מִיאוּסְ׳ן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן - מוּז מֶען זָאגְן; מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶס צוּ זָאגְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שְׁטוּבּ, אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען אִיר מַאן לֶערְנֶען; עֶס מַאכְט זִי זָאל אִים אַרוֹיפְקוּקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט מִיט דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס דִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעהֶערְט, אַ זֵיידֶע זָאל שְׁלָאגְן דִי אֵיינִיקֶל פוּן אַכְט חֳדָשִׁים אַלְט?! עֶפֶּעס פַארְפֶּעלְסְטוּ פוּן דִי מַעֲשֶׂה, עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט; וִוי קֶען זַיין מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד פוּן אַכְט

חֳדָשִׁים אַלְט?

שְׁרַייבּ מִיר מֶער פִּינְקְטְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**סֵיי וואוּ אִיר וֶועט נָאר וואוֹינֶען, וֶועט אִיר דַארְפְן הָאבְּן חִיזוּק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר בֶּעבִּי וְכוּ׳; בִּזְכוּת וָואס אִיר אוּן אַייעֶר מַאן גֶעבְּן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד, אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶועט אַייעֶר בֶּעבִּי זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל וְכוּ׳; אִיר מֵיינְט אַז אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין חִיזוּק? אִיר מֵיינְט אַז אִין שְׁטֶעטְל גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער? מֶען קֶען שְׁפִּירְן אִיבֶּערָאל אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מֶען קֶען זַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִין דִי עֲזָרָה - אוּן דָארְט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט כָּבוֹד אוּן גֶעלְט. מֶען קֶען זַיין אוֹיפְן מִזְבֵּחַ אוּן דָארְט זַיין אַ רוֹצֵחַ אוּן שְׁטֶעכְן אֵיינֶעם צוּם טוֹיט, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא כב.) אֵיינֶער הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁטוּפְּט פוּנֶעם מִזְבֵּחַ אַ צְוֵוייטְן כֹּהֵן כְּדֵי עֶר זָאל גֶעוִוינֶען דֶעם פַארְמֶעסְט אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דִי עֲבוֹדָה, נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם כג.) אֵיינֶער אַ כֹּהֵן הָאט גֶעשְׁטָאכְן אַ צְוֵוייטְן כֹּהֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ נֵייעֶ סָארְט לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאלְסְט מֵיינֶען אַז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן, הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז אֵיין זַאךְ: בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וואו מֶען אִיז מְחַזֵּק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מֶען דֶערְמַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַנְדֶערֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט ווִיכְטִיג.

אַז דוּ דְרוּקְסְט מִיךְ צוּם ווַאנְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס אִיז אַ דִמְיוֹן. אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ גֶעהַאט אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי טְרָאפּ שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרַ״ן אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען דִמְיוֹנוֹת. אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ דֶערְהֶער, אַ נֵייעֶם לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס: לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, סַיי דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן סַיי דִי קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יג, כב): "טוֹב יַנְחִיל בְּנֵי בָנִים", אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט יַרְשְׁ׳עֶנֶען פַאר זַיינֶע קִינְדְ׳ס קִינְדֶער, "וְצָפוּן לַצַּדִּיק חֵיל חוֹטֵא", אוּן עֶס אִיז בַּאהַאלְטְן פַארְ׳ן צַדִּיק דִי פַארְמֶעגְן פוּנֶעם זִינְדִיגֶער; דִי זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן יַרְשְׁ׳עֶנֶען נִישְׁט זֵייעֶר פַארְמֶעגְן, עֶס גֵייט אַלֶעס צוּם צַדִּיק.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. הַיינְט הוֹיבְּן מִיר אָן נָאכְאַמָאל תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, כַאפּ זִיךְ מִיט, הוֹיבּ דוּ אוֹיךְ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַ בְּלַאט בַּ׳בְלִי, אַ בְּלַאט יְ׳רוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא – וֶועסְטוּ זִיךְ בּוֹיעֶן אַ בַּ׳יִ׳תִ׳ נִצְחִי.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין רַמְבַּ״ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, אוֹיךְ אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אוּן זִיכֶער אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים – וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע נְפִילוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע נְפִילוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן פְּלוּצְלוּנְג אַ יְרִידָה, זֵיי שְׁפִּירְן ווִי זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַריין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ'; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם אִין שְׁטֶעטְל. בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז צֶעטֵיילְט בַּיי פִיר פְלֶעצֶער, גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן פַאר אַלֶעמֶען. זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין שֶׁעפְּן פְּרִישֶׁע חִיזּוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אֵיידְל אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ זֵייגְן צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער; אַוַדַאי דַארְף דָאס זַיין אֵיידְל, צוּגֶעדֶעקְט וְכוּ׳, אָבֶּער זִיךְ גֵיין אַיינְשְׁפַּארְן אִין שְׁטוּבּ - אִיז אִיבֶּערִיג; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווִי דִי מַאמֶע גֶעבְּט צוּ זֵייגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עִנְיָן זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן מִיט דֶעם; פַארְקֶערְט עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דֶעם, מִכַּמָּה טַעֲמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

---

### דֶער רֶבִּי גֶעבְּט גוּטֶע עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּם דָאקְטֶער וְכוּ׳; וָואס זָארְגְט אִיר? אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער. זָארְגְט נִישְׁט, אִיר הָאט נָאךְ קוּים חֲתוּנָה גֶעהַאט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

גֵייט נִישְׁט צוּם דָאקְטֶער, מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער פַאר צְוֵויי דְרֵיי יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

קוּקְט אַרַיין אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט גוּטֶע עֵצוֹת, שֵׁיינֶע סְגוּלוֹת זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (אוֹת בָּנִים, סִימָן יח): ״מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם, וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים זְכָרִים״, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער זְכָרִים? ״יִשָּׂא אִשָּׁה הַהוֹגֶנֶת לוֹ״, עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, ״וִיקַדֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בִּשְׁעַת תַּשְׁמִישׁ״, אוּן לֶעבְּן מִיט אִיר בִּצְנִיעוּת, ״וִיבַקֵּשׁ מִמִּי שֶׁהַבָּנִים שֶׁלּוֹ״, אוּן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן קִינְדֶער.

דֶער מְקוֹר פוּן דֶעם אִיז דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מַסֶּכֶת נִדָּה, עא.) דִי גְמָרָא פְרֶעגְט: "מַאי קָא מַשְׁמַע לָן" אוֹיבּ קִינְדֶער הָאט מִיט תְּפִלָּה - וָואס פֶעלְט אוֹיס חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַן אִשָּׁה הוֹגֶנֶת אוּן זִיךְ פִּירְן אֵיידֶל? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא "דְּהָא בְּלָא הָא, לָא סַגִּי", מֶען דַארְף בֵּיידֶע, סַיי זִיךְ פִּירְן אֵיידֶל, אוּן סַיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ לִפְנֵי תַּשְׁמִישׁ", אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ בִּדְבַר מִצְוָה; קוּק דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי (בֶּן יְהוֹיָדָע, מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא י) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן לִדְבַר מִצְוָה; אֲפִילוּ דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רַב, וָואס שֶׁלֹּא שָׂח שִׂיחַת חוּלִין, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁמוּעֶסְט סְתַּם זַאכְן, אָבֶּער מִיט זַיין וַוייבּ הָאט עֶר יָא גֶערֶעדְט, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סב.) רַב כַּהֲנָא הָאט גֶעהֶערְט דְּשָׂח וְשָׂחַק, וִוי רַב שְׁמוּעֶסְט אוּן אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ גַבַּאי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן אַ פַארְבְּרֶענְג מִפַּעַם לְפַעַם פַאר אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן - אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה; אוֹיף מְחַזֵּק זַיין אִינְגֶעלַייט דַארְפְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין רְשׁוּת, אוֹיף זָאגְן מוּסָר דַארְפְסְטוּ פְרֶעגְן רְשׁוּת - אוֹיבּ דוּ בִּיסְט כְּדַאי אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם גוּטְס, אָבֶּער צוּ גֶעבְּן חִיזוּק - כָּל הַקּוֹדֵם זָכָה! וִוי פְרִיעֶר מֶען קֶען יֶענֶעם גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת.

אַ גַבְּאַי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט נָאר גַבְּאַי בַּיים דַאוֶּוענֶען, מֶען אִיז גַבְּאַי זִיבְּן טֶעג אַ וָואךְ, פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג. מֶען דַארְף טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע מִתְפַּלְלִים, אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע מְקוֹרָבִים, אוּן אַז מֶען זֶעט אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט נִישְׁט, אָדֶער עֶר קוּמְט יָא אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ - דַארְף מֶען כַאפְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוּן אִים מְחַזֵק זַיין, אוּן אַז דֶעם אִינְגֶערְמַאן דְרוּקְט חוֹבוֹת - אִיז מֶען אִים מְחַזֵק עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען אִיז אַלֵיינְס אַרִיבֶּער אוּן מֶען הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אַז עֶס דְרוּקְט דֶעם אִינְגֶערְמַאן עֶפֶּעס אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק.

אַ גַבְּאַי אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַ טִיטְל אוּן שׁוִין, אוֹיסְרוּפְן עֲלִיּוֹת קֶען יֶעדֶער אוּן אוֹיסְקֶערְן אַ שׁוּל קֶען אוֹיךְ יֶעדֶער, וֶוער קֶען דֶען נִישְׁט הַאלְטְן אַ בֶּעזֶעם אִין דִי הַאנְט? וַואשְׁן הַאנְטוּכֶער קֶען אוֹיךְ יֶעדֶער, אָבֶּער זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, קֶענֶען אָפְּלֶערְנֶען אַ פָּנִים פוּן אַ צְוֵוייטְן, וִויסְן אוֹיב אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְלִים, פוּן דִי חֲבֵרִים - מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט עֶפֶּעס אוּן אִים פְּרוּבִירְן צוּ הֶעלְפְן - דָאס אִיז אַ גַבְּאַי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין גַבָּאוּת, וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע גַבָּאִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי גְרוּסְן פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דֶעם מְלַמֵד אִין טְבֶרְיָ׳; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ מְחַזֵק זַיין דִי חֵדֶר, אוּן מִיר מוֹדִיעַ זַיין אַלֶע פְּרָטִים וָואס טוּט זִיךְ דָארְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָא נֶעכְטְן הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם רוֹטְמַאן, אִיךְ הָאבּ מִיט אִים

גֶעשִׁיקְט תְּהִלִּים׳ס פַאר דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא. דוּ זָאלְסְט דָאס אוֹיסְטֵיילְן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר פַאר דִי עֶלְטֶערֶע תַּלְמִידוֹת וָואס זָאגְן שׁוֹין תְּהִלִּים.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי גְרוֹיסְן וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי חֵדֶר, סֵיי אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִין טְבֶרְיָה אוּן פוּן בֵּית פֵּיגָא וּבְעִקָּר פוּן דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה, נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ סִיּוּם הַשַּׁ״ס אַ בָּחוּר׳ל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ״ס, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר וֵוייסְט גָאר גוּט וָואס אִיךְ וִויל, אוּן עֶר טוּט דִי אַרְבֶּעט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, מַמָּשׁ ווִי אִיךְ וָואלְט דָאס אַלֵיינְס גֶעפִירְט.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף אַרַיינְלוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל פוּן דִי הַתְמָדָה אוּן כִּשְׁרוֹנוֹת פוּן דַיין זוּן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן דַיין זוּן הָרַב יְחֶזְקֵאל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זִיצְט אִין כּוֹלֵל אוּן לֶערְנְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט גָאר גוּט דָאס לֶערְנֶען. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ אִין כּוֹלֵל מִיט אַ שְׁאֵלָה פוּן שְׂכִירוּת וְקַבְּלָנוּת, דַיין זוּן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, מִיט אַ קְלָארְקֵייט; אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן אִים.

אַדְרַבָּה, וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים רֶעד מִיט אִים אִין לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַאלְטְן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִי גוּטֶע גְרוּסְן וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ, פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד" אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם", אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען - וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן קפז); אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם, מֶען דַאוֶוענְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אִינְאֵיינֶעם, אָן קַיין לֵיצָנוּת - אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט.

שְׁרַייבּ מִיר פוּן דִי הֲפָצָה אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ; וֶוער עֶס גֵייט הֲפָצָה אוּן וִויפִיל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים גֵייט אַ וָואךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְפְן קַיין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק אוֹיף דִי קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאף אַז דוּ וַוארְפְּסְט נִישְׁט קַיין אֵימָה יְתֵירָה אוֹיף דַיינֶע תַּלְמִידִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן טַאקֶע (כְּתוּבּוֹת קג:): "זְרוֹק מָרָה בַּתַּלְמִידִים", מֶען זָאל זִיךְ פִירְן שְׁטְרֶענְג מִיט תַּלְמִידִים; דָאס מֵיינְט מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין חָבֵר פַארְ'ן תַּלְמִיד, דֶער תַּלְמִיד קֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט זַיין חָבֵר, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְפְן קַיין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק אַז דִי קִינְדֶער

זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן, און חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן; נִישְׁטָא קַיין שְׁלָאגְן. אַז מֶען דַארְף שְׁלָאגְן - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם מְנַהֵל, אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי מִצְוָה, דוּ רִיר נִישְׁט אָן קַיין קִינְד.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַ מְלַמֵד וָואס שְׁלָאגְט - דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט קַאנֶעס און זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי כַּעַס אוֹיף דִי קַאנֶעס, נִישְׁט אוֹיף דִי טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, צֹאן קָדָשִׁים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שְׁוֶוערֶע אָבֶּער גֶעשְׁמַאקֶע טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הַיינְט זוּנְטָאג אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע אָבֶּער גֶעשְׁמַאקֶע טָאג". דִי שׁוּרָה הָאט מִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶע לֶערֶערִין; מֶען קֶען מַאכְן גֶעשְׁמַאק אוֹיךְ דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, און מֶען זָאגְט "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" אוֹיךְ אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג; בַּיי מִיר אִיז אַ גֶעוִוינְס צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע לֶערֶערִינְס.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דִי קִינְדֶער וֶוערְן צוּבִּיסְלִיךְ מֶער און מֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, ווִיפִיל אִיר און דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס וֶועלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער, מֶען וֶועט זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, מֶען וֶועט זֵיי לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ - אַלְץ שֶׁענֶערֶע פֵּירוֹת וֶועלְן מִיר שְׁפֶּעטֶער קֶענֶען שְׁנַיידְן. קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין, קִינְדֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס מֶער און מֶער אִידִישׁ, אִיךְ ווִיל בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע זָאל מֶען רֶעדְן נָאר אִידִישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּ גֵיי דַיין וֶועג, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טַעְנָה'ן מִיט אַנְדֶערֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). זַיי שְׁטַארְק, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, הֶער נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיס, דוּ לֶערְן - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

בְּנוֹגֵעַ וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז דַיין טַאטֶע לַאכְט פוּן דִיר אוּן עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי זַאכְן; עֶרְשְׁטְנְס פַארְוָואס צִינְדְסְטוּ אָן אִין שְׁטוּבּ שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים פוּן מִיר - וֶוען דוּ וֵוייסְט אַז אַלֶע וֶועלְן לַאכְן? עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אוּן נֶעמֶען חִיזּוּק, אַזוֹי וֶועט מֶען דִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט קֵיינֶעם. קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - אָדֶער נִישְׁט; דוּ לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא. אַז אֵיינֶער וֶועט דִיךְ פְרֶעגְן "פַארְשְׁטֵייסְט?" גֶעבּ אַ קוּק אוֹיף אִים מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן גֶעבּ אַ שָׁאקְל מִיט דִי קָאפּ הַאלְבְּ־וֶועגְס אוֹיף יָא הַאלְבְּ־וֶועגְס אוֹיף נֵיין, יֶענֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס גֵייט פָאר - אוּן שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל. עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס טַעְנָה'ן מִיט אַנְדֶערֶע; דוּ גֵיי דַיין וֶועג, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי צוּ לֶערְנֶען אוּן וִוי צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן קֵיינֶעם.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוֹיף דַיין וֶועג, וֶועסְטוּ זֶען אַז בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע זָאגְן אוֹיף דִיר: "דָאס אִיז אַן עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד"; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן הַנָּאָה הָאבְּן פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַזָּל טוֹב פַאר דַיין צְוֵוייטֶע סִיוּם הַשַׁ״ס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבָה קְטַנָּה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם הַשַׁ״ס, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי צְוֵוייטֶע מָאל גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז תשפ״ג אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: שְׁ׳לֹמֹה פֶּ׳עְרְל תְּ׳גְרוֹס/תְּ׳סַיֵּים גְ׳מָרָא, אוֹיךְ גָ׳מַר פַּ׳עַם שְׁ׳נִיָּה תַּ׳לְמוּד בַּבְלִי; יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ דְרִיטֶע מָאל, אַזוֹי ווִי דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: עֶס זָאל זַיין תַּ׳תְחִיל גְ׳מָרָא פַּ׳עַם שְׁ׳לִישִׁי, אוּן הַלְוַאי וֶועסְטוּ נָאךְ קֶענֶען מַאכְן דִי סִיוּם אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן מַאכְן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת תְּ׳גְמֹר גְ׳מָרָא פַּ׳עַם שְׁ׳לִישִׁי.

הֶער זִיךְ גוּט צוּ צוּ אַלֶעס וָואס דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר לֶערְנְט מִיט עֶנְק, עֶר הָאט אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן, שֵׁיינֶע זַאכְן, פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה בַּיי מִיר.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ מִיט דִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי יְשִׁיבָה, דִי שׁוּל אוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה. אִין יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע, אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְן אַ גֶעפִיל פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן - הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען; מִיט רֵיינִיגְן, פַארְרֶעכְטְן, טְרָאגְן, שְׁלֶעפְן, בְּרֶענְגֶען, בּוֹיעֶן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדְלֶער

## בְּעֶנְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן

עֲזוֹר... עֲזוֹר... לַשׁוֹבְתִים בַּשְׁבִיעִי...

וֶוער זִינְגְט דָא אִין וַואלְד?

דָא אִין וַואלְד זֶענֶען פַארְכַאפְּט אִידְן; דִי רוּסְן דִי קַאמוּנִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן אוּן זֵיי בַּאצְוִוינְגֶען אָפְּצוּלָאזְן דִי תּוֹרָה אוּן אַרְבֶּעטְן פַאר זֵיי.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי עוֹזֵר, אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד. מֶען הָאט אִים גֶענוּמֶען צוּ אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מִילִיטֶער, אוֹיךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט מֶען אִים בַּאצְוִוינְגֶען צוּ אַרְבֶּעטְן. דֶער רֶבִּי עוֹזֵר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת, אַזוֹי זָאגְט דִי הֲלָכָה.

מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן צֶעשְׁנַיידְן גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, מַאכְן פוּן דֶעם שְׁטִיקֶער הָאלְץ; עֶר מִיט נָאךְ אִידְן הָאבְּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן אוֹיךְ שַׁבָּת גֶעשְׁנִיטְן בֵּיימֶער.



"בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ ווִיל הִיטְן שַׁבָּת, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט"

רֶבִּי עוֹזֵר פְלֶעגְט זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיים שְׁנַיידְן דִי בֵּיימֶער, מִיט אַ זִיסְקֵייט. מֶען הָאט גֶעהֶערְט וַוייט אַוֶועק וִוי עֶר זִינְגְט: "עֲזֹר... עֲזֹר... עֲזֹר לַשּׁוֹבְתִים בַּשְּׁבִיעִי".

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מֶען זָאל בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע מַצָּב, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַזוֹי וַוייט, מֶען אִיז גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי גוֹיִם אוּן זֵיי בַּאצְוִוינְגֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת – זָאל מֶען וַוייטֶער בֶּענְקֶען צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן יֶעדֶע שַׁבָּת בַּיי דִי קַאמוּנִיסְטְן, בַּיים

שְׁנַיידְן דִי בֵּיימֶער הָאט עֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען הִיטְן שַׁבָּת אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִינְגֶען: "טַאטֶע אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין גוּט".